# משיחת ש״פ שמות תשל״ג

ג. בהמשך צו דעם וואס מען האט גערעדט פריער, אז עס איז דא דער ענין כללי וואס אין שבת מבה"ח, דערנאך איז אויך דא דער ענין פרטי פון יעדער שבת מבה"ח, וואס מיט דעם איז ער אויסגעטיילט פון די אנדערע שבתות מבה"ח במשך השנה,

דער ענין פרטי פון היינט איז וואס עס איז שבת קודש מברכים החודש שבט, וואס דאס איז אן ענין מיוחד – ובפרט ביי חסידי הב"ד, וואס אין חודששבט איז דא דער טאג י' שבט – דער יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, ובפרט אז די גאנצע הקנה פון מאכן א התוועדות בשב"מ האט דאס איינגעפירט כ"ק מו"ח אדמו"ר, און אויך איז דא אן ענין בנוגע דעם שבת, בפרט אז עס קומט נאכן יום ע"ש, וואס בחודש איז דאס כ"ד טבת, דער יום הילולא פון דעם אלטען רבי'ן,

און דא געפינט מען ענינים וואס די בעלי הילולא האבן געזאגט סמוך צו זייערע הילולא, וואס עס איז דא א שייכות ביניהם,

בנוגע די תורה פון דעם אלטען רבי'ן, איז ידוע וואס דער צמח צדק ברייננגט אין ספר המצוות שלו (ע' קע,א) אזדעם אגה"ק סימן כ' האט דער אלטער רבי געזאגט אין כפר פיענא, – וואס דארט איז געווען די הסתלקות, איז פארשטאנדיק אז ער האט דאס געזאגט סמוך הסתלקותו, אבער עס איז ניטט מוכרח אז דאס איז געווען אין די לעצטע טעג פאר דער הסתלקות, ווארום ער איז דארט געווען עטלעכע וואכן, און עס קען זיין אז ער האט דאס געזאגט עטלעכע טעג פאר הסתלקות,

ס'איז אויך דא א תורה (לקו"ד ח"ד ע' תקאז ובהערה שם)

וואס ער האט געזאגט אין דער הבדלה צווישן די פארשידענע מדות, ווייל נפש השפלה, אז היות זי איז א נפש השפלה באמת לאמיתו, וואס דערכאר מצד האמת מאכט זיך נישט מען זאל מיט איר טאן, ומ"מ מצד מדת החסד מאכט זיך אז מען זאל טאן אויך מיט איר,

ומובן אז ח"ו צו זאגן אז דער אלטער רבי וואלט ארויסגעגעבן תיקף כאר זיין הסתלקות א סדר אין עבודה וואס איז נישט מתאים מצד האמת, נאר דא איז דער דיוק, וואס ער זאגט מדת האמת, וואס מצד מדת האמת איז דאך "לא יברא", משא"כ מצד מדת החסד - וואס חסד "אמר יברא" (ב"ר ח,ה),

וואס דאס וואס מען זאגט אז די בריאה איז מער ניט ווי מצד מדת חסד, כיינש מען דאך ניט אז דאס איז א סתירה צו אמת ווארום דער ענין הבריאה נעמט זיך דאך פון אמיתת ענין האמת, וואס איז העכער פון אלע, ווי געבראכט פריער פון רמב"ם, אז אלע ענינים פון עוה"ז נעמען זיך מאמיתת המצאו, וואס דאס איז העכער פון מדת האמת הגלוי' און פון גאנץ סדר השתל', נאר אדרבה, עס נעמט זיך ניט פון מדת האמת, נאר פון אמיתית המצאו, און מצד דרויף איז דא א נתינת מקום אויף נפש השפלה, ווארום דאס איז אזא דרגא וואס איז לגמרי העכער פון אלע ענינים, דעריבער איז ביי אים גארנישט תופס מקום, דערפאר קאן מען טאן אפי' מיט נפש השפלה,

און דאס איז וואס ס'שטייט הוי' אלקים אמת, וואס דאס גייט ניט אויף מדת האמת - וואס איז מובל, נאר אויף אמיתית המצאו, און פון דארטן נעמט זיך די נפש השפלה, וואס המשכתה בפועל איז דורך מדת החסד, אבער דאס נעמט זיך פון אמיתית המצאו, און דורך טאן מיט איר איז מען ממשיך פון דארטן.

ועד"ז געפינט מען אויך אין דעם מאמר באתי לגני תש"י וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דאס געגעבן אויף לערנען אין טאג פון זיין הסלקות, וואס דער מאמר הויבט זיך אן אז עוה"ז הגשמי איז גני - דער גן פון דעם אויבערשט'ן

- וואס ענין הגן איז דער ענין התענוג, וואס אין דרויף טיילט זיך אויס גן פון דירה, וואס ענין הדירה איז, אז דארטן טוט ער זיינע ענינים הנצרכים, און הגם אז בית איז כולל אין זיך אלע ענינים ביז ווי מען זאגט (ראה יבמות סג,א) אז "כל מי שאין לו בית אינו אדם", אעפ"כ איז דאס נישט דער ענין התענוג, ווארום אין בית טוט ער נאר ענייניו המוכרחים וואס אויף דערויף זאגט מען אין נוסח ברכה אחרונה "ותסרונן" - די ענינים המוכרחים, דערנאך אבער גן - עניננו איז תענוג וואס דאס קומט נאך זיינע ענינים המוכרחים, וואס אויף דעם זאגט מען "להחיות בהם נפש כל חי"-

און דא זאגט ער אין מאמר אז וואו איז דער גן, דוקא דא למטה בעוה"ז, און די סיבה לזה פארוואס דוקא למטה, איז עס ווייל נתאווה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים, ד.ה. אז דער ענין פון מאכן א דירה לו ית' למטה, נעמט זיך פון דער דרגא פון נתאווה, און דאס איז מען ממשיך דורך דעם וואס ער איז עובד עבודתו באופן של אתכפיא ואתהפכא, אז ער מאכט פון שקר העולם קדש, און פון שטות דלעו"ז מאכט ער אז ס'זאל זיין אהני לי' שטותא לסבא - שטות דקדושה.

און דא זעט מען אן ענין נפלא, וואָרום עס רעדט זיך וועגן אַ נשמה חדשה, כמבואר אין שיחות פון רבותינו נשיאינו בנוגע דעם אַלטען רבי׳ן, און ער איז דעמאלט געשטאַנען אין אַ מעמד ומצב פון גלות, און אין גלות גופא, גלות בתוך גלות - וואָרום ער האָט אהין געדארפט אנטלויפן, און עס איז געקומען דורך כמה טלטולים, וידוע אז גלות מכפרת, און ביי דעם וואס דאָרף נישט קיין כפרה טוט אויף דער גלות אז ער איז ממשיך ענינים נעלים ביותר אין קדושה גופא, און אין דעם גלות איז מצבו הגשמי געווען אַ שווערער, ווי עס ווערט געבראַכט אז עמולט זיינען געווען גרויסען קעלטען, און ער האט געהט דאָן מורא׳דיקע יסורים וואָס ער האָט געבראַכען גאל וכו׳, איז נישט קוקענדיק אויף דעם מעמד ומצב אין וועלכן ער איז דעמאלט געשטאַנען, האָט ער זיך אָפגעגעבן, בנוגע די עבודה מיט נפש השפלה,

און וואָס פאר דער הסתלקות איז דאָך ידוע - ווי עס ברייינגען די בני המחבר בהקדמתם לשו"ע - אז עס זיינען געווען ענינים נפלאים ביותר, אז די הסתלקות איז געווען בדיעה צלולה וכו׳, איז ניט קוקונדיק אויף די אלע עילויים האט ער דעמאָלט געהערט וועגן עילוי וואס ס׳קומט דורכן די עבודה מיט נפש השפלה, וואָס צו איר קאן מען ניט גיין מיט מדת האמת, נאר מיט חסד, און דוקא דורך דעם פירט זיך אויס די כוונה עליונה לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים.

וויבאלד מען האָט דאס אונז דערציילט, דאַרפמען אַרויסנעמען דערפון א הוראה בעבודת ה׳, און די הוראה איז אז בשעת מען טרעפט אַ איד וואָס שטייט אין א מצב פון נפש השפלה, זאל ער ניט מיינען אז היות וואס ער געפינט זיך אין אזא מעמד ומצב, קאן ער טוין צו אים קיין שייכות נישט האבן, און פארוואס זאל ער זיך מיט אים פאַרנעמען, נאר ער דארף וויסן אז מצד מדת החסד דארפמען יאָ טאן מיט אים,

און דורך דעם וואס ער וועט פועל׳ן אויף אַ צווייטן, וועט ער זיך שפעטער כאפן אז בעיקר דארף ער גאָר זיך אליין מתקן זיין, נאר אזוי ווי מלכתחלה וואלט ער מיט זיך נישט טאָן, וואָרום ער מיינט דאָך אז ער אליין איז גוט ווייל על כל פשעים תכסה אהבה (משלי י, יב), דעריבער דארף ער פריער טאן מיט א צווייטן, און בשעת ער וועט טאן מיט דעם צווייטן, וועט ער קומען צו דער הכרה אז דאָס וואָס ער זעט ביי דעם צווייטן איז דאס ווי א שפיגל, וכתורת הבעש"ט הידוע (מאור עינים ר"פ חוקת. וראה לקו"ת בהעלותך לג, סע"א) אז בשעת מען זעט רע אין אַ צווייטן איז דאס נאָר אַן אָפשפיגלונג פון זיין אייגענעם רע, און דורדעם וועט ער זיך אליין מתקן זיין,

און דאס איז דער סדר העבודה; פריער דארף מען טאָן מיט יענעם, און הגם אז עס דוכט זיך אז יענער איז א נפש השפלה, זאגט מען "אל תבט אל מראהו", און מען דאָרף פונדעסטוועגן טאָן אויך מיט יענעם, ווי דער בעש"ט זאָגט (ראה היום יום ע׳ קיג. ולק"ש ח"א ע׳ 201) אז מען דאָרף ליב האבן יעדע איד ביז אפי׳ אזאַ וואָס געפינט זיך אין א פנה ידחת, איז דעריבער וואו נאָר מען טרעפט אַ אידן דאָרף מען טאן מיט אים, דאס וועט אויך פועל׳ן אויף זיך אליין,

בהמשך לזה איז דא א געשמאקער ענין - וואס אין כאן מקומו להאריך בזה, נאר ביי אנדערע געלעגנהייט - בנוגע די צוויי ספרים פון דעם אלטען רבי'ן וואס ער האט אפגעדרוקט בחייו - הל' ת"ת און תניא, (פריער האט זיך געדרוקט הל' ת"ת און נאכדעם תניא), און דא זעט מען דעם געשמאקען ענין, אז ביידע הויבן זיך אן מיט דער זעלבן ענין,

וואס הל' ת"ת הויבט זיך אן, "אע"פ שהקטן פטור מכל המצוות ואביו אינו מחויב לחנכו אלא מד"ס", ועד"ז דער תניא, הויבט זיך אויך אן "משביעים אותו תהי צדיק", וואס דאס איז בנוגע א תינוק גלייך בשעה שנולד,

ולכאו' איז א פלא פארוואס ער הויבט אן הל' ת"ת מיט דעם סדר, לכאו' דאס וואס דער טאטע איז מחויב מחנך זיין זיינע קינדער לת"ת, איז דאס מבד ושננתם לבניך, און דאס הויבט זיך אן משמתחיל לדבר, ובמילא וואלט ער לכאו' געדארפט אנהויבען אז דער טאטע איז מחויב מחנך זיין זיינע קינדער לת"ת, וואס דאס איז דער ענין וואס איז נוגע דא, און לפועל הויבט ער אן מיט דעם קטן - אז ער איז פטור מכל המצוות, און דערנאך זאגט ער נאכמער, "גם אביו אינו חייב" וכו', נאר דא זעט מען אז דער א אלטער רבי וויל דא מדייק זיין אויף אנהויבן דוקא וועגן א קטן - ווארום אפילו בשעת ער איז נאך א קטן האט ער שוין אלע ענינים.

דאס איז בנוגע הל' ת"ת - רעדט ער לכה"פ וועגן אזא קטן וואס ער האט שוין אנגעהויבען רעדן, וכנ"ל, וואס דאס איז וועגן דער קטן איז בערך צוויי יאר אלט, אבער אין תניא זעט מען נאך מער, וואס דארטן הויבט דער אלטער רבי אן, בנוגע א קטן גלייך בשעה שנולד, ובפרט לויט די אנדערע דיעה אז דאס איז קודם שנולד,

וואס פון דרויף זעט מען אז גלייך בשעת א קינד ווערט געבוירן גיט מען אים אפ כל התורה כולה כולל אויך פנימיות התורה, און מען גיט דאס אין אן אופן, אז עס ווערט פארבונדן ביז מיט זיין גוף, און הגם ער איז דעמאלט נאך נישט שייך צו פארשטיין, אבער פונדעסטוועגן הערט די נשמה, כידוע הענין בזה, און די נשמה הערט נישט באופן ווי זי שטייט למעלה, נאר ווי זי איז מלובש אין א גוף דא למטה. וואס דעריבער איז דער משביעים אותו בסוף העבודה דוקא, און נישט פריער, ווארום דעמאלט זיינען נאך אלע זיינע ענינים באופן של העלם, וכמובן פון דרויף וואס ס'ו ס'ווערט גיבראכט אין תו"א (קו,א) אז גלות ווערט אנגערופן בשם עבור.

הגם אז בשעת העבור זאגט מען אז מלמדים אותו כל התורה כולה (נדה ל,ב), אבער ווער לערנט, איז דאס נאר די נשמה, און די נשמה האט דעמאלט קיין שייכות נישט צום גוף, און דער גוף מצ"ע האט קיין שייכות נישט צו די אלע ענינים, וואס דעריבער איז ראשו בין ברכיו, אז זיין שכל איז מער גיט אויף וויפיל דאס איז שייכות צו מדות,

וואס דעריבער זאגט מען אז דער משביעים אותו איז דוקא בסוף העבור, וואס דעמאלט האט שוין די נשמה א שייכות צום גוף,

און זי ווירקט אויפ´ן גוף, ביז דערנאך ווערט די הולדה, און דערנאך דער ברית מילה, און ביי א מיידל איז אשה כבאן דבהליא דמי,

און דאס איז דער ענין וואס דער אלטער רבי ברייננגט דא ארויס, אז גלייך משנולד און ווייס נאך כלל נישט פון מציאות האור, ער דערוויסט זיך ערשט יעצט פון מציאות אור, גיט מען אים אפ אלע ענינים, און דאס קומט ביי איס אראפ באופן פנימי,

און די הוראה דערפון איז, אז בשעת ער גייט ארויס אין וועלט, און טרעפט א אידן וואס ווייס פון קיין זאך נישט, דארף מען וויסן אז צום ערשטן דארף מען אים געבען אלע ענינים,

און דורך דעם וואס ער וועט פועל´ן אויף א צווייטן, וועט דאס ווערן א שפיגל פאר זיך, און ער וועט זען אז ער דארף זיך אליין מתקן זיין, ווי ס´שטייט (תניא פל"ה) אז אפי´ א צדיק גמור וואס איז אוהב ה´ באהבה בתענוגים, זאגט מען אז דאס איז נאך אלץ נישט קיין עבודה תמה, להיות אז ער/א יש מי שאוהב, און יש איז נישט קיין תמים, דעריבער איז דורך דעם וואס ער וועט פועל´ן אויף א צווייטן, וועט דאס פועל´ן אויך אויף זיך,

וואס דאס איז די הוראה, אז בשעת מען טרעפט א אידן, איז נישט קוקונדיק ווי נידעריק ער זאל נישט זיין, ביז ער שטייט אין א מצב ווי ער וואלט ערשט נולד געווען, דארף מען שוין משפיע זיין צו אים אלע ענינים, ביז אין אן אופן ווי מען זאגט אויף משביעים אז דאס איז מלשון שובע (ס´ הקיצורים לתניא לצ"צ בתחלותו), - מען דארף אים אנזעטיקן אין אלע זיינע כוחות, ד.ה. אז מען דארף אים נישט נאר געבן די ענינים פון ואכלת - ענינים המוכרחים, נאר אויך ושבעת - ענינים של תענוג,

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט ענין הגן, אז גלייך משנולד דארף מען אים אפגעבן אלע ענינים ביז אפילו דעם גן, - ענין התענוג, און דורך דעם פועל´ט מען אז עס זאל זיין באתי לגני ביז ער טוט אויף אויך אין נפש השפלה, און אין שקד העולם, און דארטן טוט ער אויף אז עס זאל זיין גני, וואס הגם דער צוגאנג צו דעם איז מצד מדת האמת, נאר ער דארף צו גיין מצד חסד, זאגט מען אבער אז סוף כל סוף וועט ער פועל´ן אויף איס,

(חסר) און אזוי נארט מען אויס דעם נה"ב, אז לכתחלה גייט מען צו אין אן אופן שלא לשמה, און דער נה"ב מיינט אז מיט דעם וועט מען בלייבן, אבער גלייך נאכדעם וואס ער האלט ביי שלא לשמה, ווי דער מיטעלער רבי איז מבאראז דער לשון מתוך שלא לשמה איז ע"ד דער לשון מבין דבר מתוך דבר, ווארום יעדער זאך האט זיך זיין תוך, און דער תוך פון דער שלא לשמה איז כדי צוקומען צום לשמה, ביז אז דורך דעם קומט ער טאקע צו צו דעם לשמה, (חסר הסיום).

משיחת ש״פ שמות תשל״ן

א. צוזאמען דערמיט וואס דער שבת איז שבת מברכים שבט, איז דאך דאס אויך ערב כ"ד טבת.

וואס די נקודה המשותפה צווישן די ענינים (- דער ענין פון שב"ב, און דער ענין פון ערב כ"ד טבת) איז: דער ענין פון שבת בכלל איז דאך וואס מיני' מתברכין כולי יומין (זח"ב פח, א) - אלע טעג פון וואך, און אין דעם גופא האט יום ראשון א מעלה און א קדימה אין דעם ענין הברכה, ווארום ער איז דאך נענטער צו שבת. און אין יום ראשון גופא איז דא דער חלק הראשון שבו - מוצאי שבת, וואס ער איז דאך דער נענטסטער צו שבת, האט ער א קדימה אין דעם ענין הברכה וואס ווערט נמשך פון שבת.

ובפרט בנוגע צו כ"ד טבת, וואס דאס איז פארבונדן במיוחד מיט מוצאי שבת, ווי דער צ"צ שרייבט אין די רשימה (נסמן בלקו"ש שמות ש.ז.) אז די הסתלקות פון אלטן רבי'ן איז געווען במוצאי ש"ק, און ווי עס ברייננגט זיך אראפ אין הקדמת בני המחבר צום שו"ע אז די הסתלקות איז געווען "אחר שהתפלל תפלת ערבית והבדלה בחונן הדעת בדעת צלולה .. במוצאי ש"ק", וואס דערפון זעט מען די שייכות פון כ"ד טבת צו מוצאי שבת - וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט שבת, ווארום פון שבת ווערן נתברך כולי יומין, ובמיוחד מוצאי שבת כנ"ל.

עד"ז איז דער ענין פון שבת מברכים חודש שבט, אז דעמולט בענטשט מען אלע טעג פון חודש שבט. וואס אין חודש שבט זיינען דאך דא כו"כ ימים (ע"ד ווי ס'איז דא כמה ימים במשך השבוע), וואס כל יומא ויומא עביד עבידתי' (ראה זח"ג צד, ב), און די ברכה פון שבת מברכים איז בנוגע דעם גאנצן חודש, ובמיוחד בנוגע צו יום העשירי שבו - דעם יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר.

און ס'איז דאך דא א שייכות מיוחדת צווישן כ"ד טבת מיט יו"ד שבט, וואס דער בעל ההילולא פון יו"ד שבט איז דאך דער ממלא מקום פון דעם בעל ההילולא פון כ"ד טבת.

וואס דער ענין פון א "ממלא מקום" (וואס דאס איז דאך א תואר אין לה"ק, איז דאס אן ענין פון קדושה, במילא איז דאס אמת, ווארום קדושה איז אמת) איז, אז ער פילט אן דעם גאנצן מקום פון יענעם, וואס מקום דא מיינט דער ענין המעלה (ראה מו"נ ח"א פ"ח), און אויך מקומו - פעולתו ועבודתו אשר עבד, איז ער ממלא אט דעם גאנצן מקום.

קומט דאך אויס אז דער שבת האט א שייכות סיי צו כ"ד טבת - וואס דאס איז דאך ערב כ"ד טבת, סיי צו יו"ד שבט - וואס דאס איז דאך שב"מ שבט.

איז לכל לראש דארף מען אנהויבן מיט דעם ענין פון כ"ד טבת, ווארום דאס איז דאך נענטער צו שבת ווי י' שבט. ובפרט לויט די קביעות פון שנה זו - וואס די איז די זעלבע קביעות ווי ס'איז געווען בשנת ההסתלקות (דכ"ד טבת) - אז ר"ה שבט איז בשבת שלאח"ז, האט דאך דער שבת מער שייכות צו כ"ד טבת.

וואס בנוגע צו כ"ד טבת זיינען דא כמה ענינים:

א) די הסתלקות איז געווען במוצאי ש"ק, ווי דאס איז מודגש אין הקדמה בני המחבר צום שו"ע, און אין די רשימה פון צ"צ הנ"ל.

ב) וואס דער שו"ע איז דאך א נגלה ספר, איז דאך פארשטאנדיק אז די ענינים וואס שטייען אין הקדמת בני המחבר צום שו"ע - זיינען עפ"י נגלה;

- און -

און בנוגע צו די רשימה פון צ"צ - איז דאך ביי אים דא ענינים וואס בגלוי זיינען זיי נאר נגלה דתורה, ע"ד די שו"ת וכו', און ס'איז דא ענינים וואס בגלוי זיינען זיי נאר פנימיות התורה, ע"ד די מאמרי חסידות וכו', אבער בנוגע צו די רשימה איז ניט מודגש צי דאס איז אן ענין עפ"י נגלה צי אן ענין עפ"י חסידות, ווארום דאס (וואס די הסתלקות איז פארבונדן מיט מוצאי ש"ק) האט א שייכות סיי צו נגלה, סיי צו חסידות].

און ער איז מוסיף אין הקדמת בני המחבר אז דאס איז געווען לאחר הבדלה בדעה צלולה, וואס דערפון זעט מען אז דאס האט א שייכות אויך צו דעם ענין פון הבדלה.

[וואס אין דעם ענין ההבדלה זיינען דא צוויי קצוות: פון איין זייט איז דאס אן ענין של הבדלה - דאס האט ניט קיין שייכות צו שבת; לאידך אבער, איז דערפון גופא וואס מ'דארף אנקומען צו אן ענין של הבדלה

- ביז אז מ'דארף האבן דעם ענין פון דעה כדי ס'זאל קענען זיין דער ענין ההבדלה, ווי מ'זאגט (ירושלמי ברכות פ"ה ה"ב) אם אין דעת הבדלה כניין, וואס דאס איז דאך די ערשטע בקשה וואס מ'בעט אין די י"ב ברכות אמצעיות פון שמו"ע "אתה חונן לאדם דעת", ניט סתם דעת נאר דעה וואס ווערט נמשך פון "אתה", און דוקא דורך אזא דעת קען זיין דער ענין ההבדלה -

איז פארשטאנדיק אז ס'זיינען דא כו"כ פרטים וואס דאס האט א שייכות צו שבת, וואס דערפאר דארף מען אנקומען צו דעם דעת אז דורך דעם זאל זיין דער ענין ההבדלה.

וכנ"ל אז דערפון וואס ער איז מדגיש אז די הסתלקות איז געווען לאחר הבדלה, איז מובן אז דאס האט א שייכות צו דעם ענין פון הבדלה].

ב) דער ענין ההסתלקות איז אויך פארבונדן מיט אגה"ק ס"כ, ווי דער צ"צ שרייבט (דרמ"צ קע, א) אז די אגרת האט דער אלטער רבי געשריבן בכפר פיענא (וואס דארטן איז געווען זיין הסתלקות) בימים שלפני הסתלקותו (אדער אז ער האט דאס געענדיקט עכ"פ קודם ההסתלקות), וואס דערפון זעט מען אז די אגרת האט א שייכות צו דעם ענין ההסתלקות.

ובפרט אז די אגרה איז געבליבן בכתב יד קדשו, ניט אזוי ווי אלע אנדערע אגרות וואס פון זיי איז געבליבן מערניט ווי העתקות (ווי ער זאגט אין הסכמת בני המחבר צו תניא), אבער אגה"ק ס"כ - שרייבט דאך דער צ"צ (שם) אז פון איר איז דא דער כתי"ק, וואס דערפון זעט מען נאכמער די שייכות מיוחדת וואס די אגרת האט צום אלטן רבי'ן.

ג) דער ענין ההסתלקות איז אויך פארבונדן מיט די רשימה פון אלטן רבי'ן וואס הויבט זיך אן "נפש השפלה באמת לאמיתו" (נדפס בלקו"ד ע' הקצ"ז).

וואס ווי חסידים דערציילן (נסמן שם) - איך האב דאס ניט געהערט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אבער אזוי דערציילן חסידים - אז די רשימה האט דער אלטער רבי געשריבן רגעים אחדים קודם הסתלקותו.

וואס לכאו' איז דאס ניט מתאים מיט דעם סיפור וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט אז בערב שבת שלפני ההסתלקות האט מען אויסגעליידיקט די קעשענעס פון דעם אלטן רבי'ן, און מ'האט דארטן געפונען רשימות - ער האט ניט געזאגט בפירוש וועלכע רשימות זיינען דארטן געווען, אבער מ'איז געווען מבמע אז דאס האט א קשר מיט דער רשימה - וואס דערפון איז מובן אז די רשימה איז שוין געווען געשריבן בערב שבה;

- און -

<u>הנחת הת' בלה"י מוגה</u>

און אויך דערפון וואס מ'איז מדגיש אז די הסתלקוה איז געווען לאחר הבדלה (בדעת צלולה), איז פארשטאנדיק אז דאס איז געווען גלייך נאך הבדלה, און ס'איז ניט געווען קיין הפסק (צווישן הבדלה מיט די הסתלקוה) מיט אן ענין וואס איז קובע ברכה לעצמו;

אעפ"כ, וויבאלד אז אזוי דערציילן חסידים, און ס'איז שוין אויך געדרוקט - און אפי' לפי סיפור כ"ק מו"ח אדמו"ר הנ"ל, איז אויך מובן אז ער האט דאס געשריבן בשבועות שלפני הסתלקותו - וואס לפי"ז איז פארשטאנדיק אז די רשימה האט א שייכות מיט דעם ענין ההסתלקות.

דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות פון די הסתלקוה דכ"ד טבת צו דעם ענין פון הבדלה; צו אגה"ק ס"כ; און צו די רשימה "נפש השפלה באמת לאמיתו".

והביאור בזה - ובהקדים א ענין תמוה וואס איז דא אין דעם ענין פון הבדלה:

כדי ס'זאל זיין דער ענין פון הבדלה, דארף מען האבן דעת, ווארום אם אין דעת הבדלה מניין, און אזא אופן אין דעת וואס מ'בעט "אתה חונן לאדם דעת", און "חננו מאתך" - וואס די בקשה איז דאך פארבונדן מיט הבדלה, וואס דאס איז דאך דער טעם עפ"י נגלה וואס מ'זאגט דעם ענין ההבדלה אין ברכת אתה חונן - ד.ה. אז דוקא דורך דעם דעת וואס ווערט נמשך פון אתה חונן, און פון חננו מאתך, קען זיין דער ענין ההבדלה.

און וואס איז די הבדלה - "בין קודש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעמים בין יום השביעי לששת ימי המעשה".

וואס לכאו' איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק וואס דארף מען אנקומען צום ענין הדעת כדי ס'זאל זיין א הבדלה בין ישראל לעמים, ס'איז דאך א דבר הפשוט אז ס'איז דא א הבדלה בין ישראל לעמים? עד"ז די הבדלה בין אור לחושך - איז דאך א דבר הפשוט?

און אפי' בין קודש לחול און בין יום השביעי לששת ימי המעשה, וואס לכאו' איז ניט ניכר בגילוי דער חילוק צווישן ששת ימי החול מיט שבת, אעפ"כ איז דאך אבער פארשטאנדיק אז מ'דארף ניט אנקומען צו אן ענין מיוחד כדי צו מבדיל זיין צווישן ששת ימי החול מיט שבת, איז וואס זאגט מען אז ס'דארף זיין אן ענין מיוחד - דער ענין פון דעת - כדי ס'זאל קענען זיין די הבדלה, ובפרט נאך אזא דרגא אין דעת וואס קומט "מאתך"?

איז דער ביאור אין דעם: וויבאלד אז אין עוד מלבדו, און ס'איז דאך דא די תורה פון בעש"ט (בקיצור) עה"פ "לעולם ה' דברך נצב בשמים" (כש"ט הוספות ע' ים), און דער אלטער רבי איז דאס מבאר בארוכה אין שעהיוה"א, אז די גאנצע מציאות פון דעם נברא איז דער דבר ה' וואס איז אים מהוה, און ווי ער איז שולל דארטן (פ"ב) דעת הטועים וואס זאגן אז מעשה ה' עושה שמים וארץ איז אזוי ווי מעשה אנוש ותחבולותיו - דערמיט וואס ער איז מבאר (אין אן אופן וואס איז פארשטאנדיק אפי' צום נה"ב) אז די התהוות הנבראים איז אין אן אופן פון "יש מאין", קומט דאך אויס אז זייער גאנצע מציאות - איז די מציאות פון דעם דבר ה',

איז וויבאלד אז די גאנצע מציאות הנברא איז דער דבר ה', פרעגט זיך די שאלה ווי קען מען פאנאנדער טיילן בין ישראל לעמים - צווישן איין דבר ה' מיט א צווייטן דבר ה'?

- ווען אידן וואלטן געווען א מציאות לעצמם, און גויים א מציאות לעצמם -

הנחת הת' בלתי מוגה

לעצבם - אפי׳ א כציאות של טפל, איז שייך דער ענין ההבדלה בין ישראל לעכים. וויבאלד אבער אז זיי זיינען ניט קיין כציאוה לעצכם, אפי׳ ניט קיין כציאות של טפל, ווי ער איז כבאר אין שעהיוה"א (פ"ו) אז "אין עוד" איז דער טייטש אז אפי׳ א כציאות של טפל איז אויך ניטא, די גאנצע כציאוה פון א נברא איז דער דבר ה׳ וואס איז אים כהוה, איז ווי איז שייך פאנאנדער טיילן צווישן איין דבר ה׳ כיט א צווייטן דבר ה׳?

אויף דערויף זאגט מען "<u>אתה</u> חונן לאדם דעת": דוקא כצד דעם דעת וואס דער <u>אויבערשטער</u> גיט - קען זיין דער ענין ההבדלה אין דעם דבר ה׳. קיינער קען ניט מחלק זיין צווישן איין דבר ה׳ כיט א צווישן דבר ה׳, וואס איז ער פאר א בעה"ב מחלק זיין אין דעם דבר ה׳; דוקא דער אויבער-שטער וואס ער איז דער בעה"ב אויף דעם דבר ה׳ - ווארום ס׳איז דאך זיין דיבור - ער קען מבדיל זיין צווישן איין דבר ה׳ כיט א צווייטן דבר ה׳.

און דערפאר זאגט מען "<u>אתה</u> חונן לאדם דעת" און "חננו <u>מאתך</u>", ווארום דוקא מצד דעם דעה וואס ווערט נמשך פון דעם אויבערשטן, קען זיין די הבדלה בין אור לחושך, ובין ישראל לעמים - אע"פ אז ביידע זיינען דבר ה׳, ביז צו א הבדלה וואס איז מן הקצה אל הקצה.

יעדער ענין דארף זיך דאך אפשפיגלען אין נגלה דתורה, ועד"ז בנוגע לענינינו, איז דא א מאמר פלא אין מדרש בנוגע צו די פרים וואס זיינען געווען ביי אלי׳ הנביא; דער פר וואס ער האט מקריב געווען לה׳, און דער פר וואס כהני הבעל האבן מקריב געווען לע"ז:

וואס ער דערציילט אין מדרש (במדב"ר פכ"ג, ט) אז דער פר וואס מ׳האט געוואלט מקריב זיין לע"ז האט ניט געוואלט גיין, ביז אז אלי׳ הנביא איז געקומען און האט געזאגט דעם פר ער זאל גיין ווערן א קרבן צו ע"ז, ווארום אזוי ווי דורך דעם פר וואס מ׳איז מקריב לה׳ וועט נתקדש ווערן שמו של הקב"ה, אזוי אויך דורך דעם פר וואס מ׳וועט מקריב זיין לע"ז וועט אויך נתקדש ווערן שמו של הקב"ה, און דאס וועט פועל׳ן אז אידן וועלן זאגן "ה׳ הוא האלקים ה׳ הוא האלקים" (מלכים א׳ יח, לט).

וואס די צוויי פרים זיינען דאך מן הקצה אל הקצה: איין פר האט מען מקריב געווען לה׳, און ער האט אויף זיך די קדושה פון א קרבן עולה - קדשי קדשים, אע"פ אז מ׳האט דאס מקריב געווען בחוץ - אין הר הכרמל, איז דאך דאס געווען א הוראה שעה פון א נביא, און ער האט דאס מקריב געווען אלס א קרבן עולה: און דער צווייטער פר האט מען מקריב געווען לע"ז, איז ער דאך אסור בהנאה וכו׳, זיינען זיי דאך מן הקצה אל הקצה, און אעפ"כ זאגט מען אז ס׳דארף זיין די עבודה פון ביידע פרים, און אויך די עבודה פון דעם פר של ע"ז איז נוגע צו דעם ענין פון "ה׳ הוא האלקים" כדלקמן.

וואס דערפון דארף דאך זיין א הוראה צו יעדערן, און ס׳דארף אויך זיין א הוראה פון דעם ענין ההבדלה (וואס מ׳האט גערעדט פריער), און די הוראה דארף זיין צו יעדערן, אפי׳ צו דעם וואס האט נאך ניט געלערנט דעם ביאור פון אלטן רבי׳ן אין שעהיוה"א, ווארום ער זאגט דאך אויך אין דאווענען "אתה חונן לאדם דעה", און "אתה חוננתנו" מיט דעם ענין ההבדלה, דארף דערפון זיין א הוראה.

וואס די הוראה איז: בשעת מ׳זאגט א אידן אז ס׳איז דא אן עבודה פון מקריב זיין דעם פר לה׳, און ס׳איז דא אויך א עבודה וואס איז פארבונדן מיטן פר של ע"ז - וואס אין עבודה איז דאס דער נה"ב - און

- מ׳זאגט -

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

כ׳זאגט אים אז דורך די עבודה מיט דעם פר, פועל׳ט ער אויף די וואס פוסחים על שתי הסעיפים אז אויך זיי זאלן זאגן "ה׳ הוא האלקים";

קען ער דאך טענה׳ן אז ער וויל ניט האבן צוטאן מיטן צווייטן פר - באווארענען פון עניינים של ע"ז וכו׳, ער וויל בלכתחילה ניט האבן צוטאן מיט אזא עניין, ווארום ס׳איז דאך אן עניין וואס איז פארבונדן מיט ע"ז, און ס׳איז אסור בהנאה, מיט אלע גדרים וואס תורה זאגט אויף אן עניין פון ע"ז, טענה׳ט ער מה לי ולצרה הזאת, פארוואס זאל ער דארפן טאן אין דעם עניין פון באווארענען פון ע"ז וכו׳,

און ניט אז ער טענה׳ט אז ער וויל גארניט טאן - ער וויל טאן אין דעם פר לה׳, וואס דאס איז קדשי קדשים, און דאס פועל׳ט אויך בחוץ וכו׳, און לא בשופטני עסקינן; ער פארשטייט די מעלה פון די עבודה מיט דעם פר לה׳, וועט ער זיך זיכער אנכאפן אן דער עבודה, און וועט דאס טאן בברץ הכי גדול, און בזריזות ובחשק, און וועט ניט וועלן טאן אין די עבודה פון דעם צווייטן פר.

אויף דעם זאגט מען אים אז ס׳דארף זיין די התעסקות אויך מיט דעם צווייטן פר, ווארום דאס איז אויך נוגע צו דעם עניין פון "ה׳ הוא האלקים", ובמילא דארף ער טאן אין די עבודה פון דעם פר של ע"ז - כבדיל זיין און מפריש זיין א אידן פון עניינים של ע"ז, און פועל׳ן אויף אים ער זאל זיין סר מרע.

ואדרבה, די עבודה מיט דעם פר של ע"ז דארף זיין נאך פאר דער עבודה פון דעם פר לה׳, ווי ס׳איז געווען בא אלי׳ הנביא אז ער האט געהייסן אז פריער זאלן כהני הבעל מקריב זיין זייער פר לע"ז, און דערנאך וועט ער מקריב זיין דעם פר לה׳, וואס דער סדר איז געווען עפ"י רצון פון אלי׳ הנביא.

וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט ער זיי געזאגט מקריב זיין פריער זייער פר, ער איז דאך זיי מכשיל אין דעם עניין פון ע"ז - וואס בפשטות זיינען כהני הבעל געווען אידן (ניט גויים), איז ער זיי מכשיל אין ע"ז, וואס דאס איז אסור בהנאה, און איז מטמא וכו׳, און ביי זיי איז אויך געווען "ויתגודדו וגו׳", וואס דאס זיינען דאך עניינים וואס מ׳איז חייב אויף זיי סקילה, איז פארוואס האט ער זיי געהייסן מקריב זיין פריער זייער פר לע"ז?

ובפרט אז דא האט מען געדארפט אנקומען צו א נס מיוחד, ווי ער דערציילט אין מדרש (יל"ש מלכים רמז ריד) אז כהני הבעל האבן געשיקט חיאל האלי ער זאל זיך באהלטן אונטער דעם מזבח, און ער זאל אנצינדן א פייער אין דעם מזבח, נאר דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז בא נחש והיכישו; איז דאך נאך מער ניט פארשטאנדיק ווי האט אלי׳ הנביא געהייסן זיי זאלן פריער מקריב זיין זייער קרבן, ס׳איז דאך אין סומכין על הנס (פסחים סד, ב)?

- לכאו׳ האט ער געדארפט מקריב זיין פריער דעם קרבן לה׳, ע"ד ווי משה רבינו האט זיך געפירט ביי מכת כנים, אז ער האט ניט געווארט ביז די חרטומים וועלן דאס מאכן פריער, נאר מלכתחילה האט ער דאס געטאן, און דערנאך בשעת זיי האבן אויך געוואלט מאכן אזוי, און זיי האבן געזען אז זיי קענען דאס ניט טאן, האבן זיי געמוזט מודה זיין אז "אצבע אלקים היא (וארא ח, טו), האט דאך אלי׳ הנביא אויך געדארפט מקריב זיין פריער דעם פר לה׳?

- אעפ"כ -

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

אעפ"כ זעט מען אז דער סדר איז געווען אז פריער האבן כהני הבעל מקריב געווען דעם פר לע"ז, און ערשט דערנאך האט אלי' הנביא מקריב געווען דעם פר לה', ווארום דער סדר איז אז פריער דארף זיין סור מרע, און דערנאך עשה טוב.

און אויב דאס איז געזאגט געווארן ביי אלי' הנביא ווען ס'האט זיך גערעדט וועגן מקריב זיין א פר לע"ז, איז דאך עאכו"כ בנוגע צו דעם ענין וואס מ'דארף באווארענען און פועל'ן אויף א אידן ער זאל נישט האבן קיין שייכות צו אן ענין של ע"ז (שזהו העבודה דהפר דע"ז), האט מען דאך דא א הוראה במפורש אז מ'דארף טאן אין דעם ענין, ואדרבה, נאך פאר די עבודה פון הקרבת הפר לה'.

וכמובן אז ס'רעדט זיך נישט דוקא וועגן באווארענען א אידן פון ע"ז, נאר עד"ז דארף מען באווארענען א אידן ער זאל נישט האבן קיין שייכות צו אין אדם עובר עבירה אא"כ נכנס בו רוח שטות (סוטה ג, א), ווארום דער אלטער רבי איז דאך מבאר אין תניא (פכ"ד) אז יעדער ענין של עבירה איז דאס אזוי ווי ע"ז, און ער איז דאס מבאר בפשטות אין אן אופן וואס איז פארשטאנדיק אפי' צו א בן חמש למקרא.

איז דאך פארשטאנדיק די הוראה דערפון, אז מ'דארף טאן אין דעם ענין פון באווארענען א אידן ער זאל זיין א סר מרע, און אפי' אויב מ'דארף פארמאכן די גמרא אדער דעם ביכל חסידות לפי שעה - ווארום וויבאלד אז ער דארף עפעס פועל'ן אויפן זולת, דארף ער דאך רעדן בדברים היוצאים מהלב, דארף דאך דאס נעמען צייט, און מ'קען נישט טאן ביידע ענינים צוזאמען - אעפ"כ איז דאס אלץ כדאי כדי צו פועל'ן אויף א אידן ער זאל זיין סר מרע.

וואס דאס איז די הוראה פון דעם סיפור פון אלי' הנביא, וואס דאס איז דאך געווען בזמן שביהמ"ק הי' קיים. ובעיקר דארף דאס זיין עפ"י הוראה רבותינו נשיאנו, כידוע דעם סיפור מיטן חלום וכו' - אז דער ענין פון דעם אלטן רבי'ן איז צו מאכן בעלי תשובה (ראה תורת שלום ע' 86). ועד"ז איז געווען די הוראה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר - דער בעל ההילולא פון יו"ד שבט. וואס דערפאר דארף זיין די התעסקות אין דעם ענין פון קירוב רחוקים.

ובפרט בנוגע צו די וואס זוכן, ד.ה. אז זיי ווייסן אז זייער מעמד ומצב איז נישט גוט, געפינען זיי זיך אין א תנועה פון אסורה משם - פון דעם פריערדיקן מצב, ע"מ להתקרב לכאן, מ'דארף זיי נאר באווייזן וואו דער "כאן" איז. וכידוע די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (סה"ש תש"ב ע' 46) עה"פ "אסורה מכאן" (אין היינטיקער פרשה).

איז פארשטאנדיק דער יוקר וואס איז דא אין דער עבודה, ואשרי חלקם פון די וואס טוען אין דעם - פועל'ן אויף א אידן ער זאל זיין סיר מרע.

ויה"ר אז די וואס באיזה סיבה שהי' האבן זיך נישט עוסק געווען אין דעם, איז פון דעם ענין פון כ"ד טבת, און דער טבת וואס איז ערב כ"ד טבת, און אויך שב"מ שבט - זאלן זיי אויך נתעורר ווערן, און מכאן ולהבא וועלן זיי אויך טאן אין דעם ענין.

און נישט ווי די וואס טענה'ן אז וויבאלד יענער וויל נישט נתקרב ווערן, דארף מען אויף אים נישט משפיע זיין וכו', נאר זיכער אז מ'דארף טאן אין דעם, ובפרט אז דא רעדט זיך נישט אין א פאל וואס יענער וויל נישט - יענער איז א תינוק שנשבה, ער איז נישט שולדיק אין דעם וואס ער

- געפינט -

הנחת הת' בלתי מוגה

געפינט זיך אין אזא מצב, ווארום ער ווייסט ניט ווי ס'דארף זיין.

ועד"ז די וואס האבן געטאן אין דעם אויך ביז איצטער, איז מכאן ולהבא זאלן זיי טאן ביתר שאת וביתר עז.

און ביי זיי וועט ניט פעלן אין ליכוד התורה וקיום המצוות בהידור, נאר אדרבה, דורך די התעסקות אין דעם ענין וועט ביי זיי צוקומען אין תומ"צ, ווארום מ'זאגט דאך "וצדקה תרומם גוי" (משלי יד, לד), אז דורך דעם ענין פון צדקה איז נעשים מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה (תו"א בתחילתו (א, ב)), וואס דאס איז געזאגט געווארן אויף צדקה בגשמיות, ועד"ז איז מובן בנוגע צו צדקה ברוחניות.

ובפרט אז דאס איז אן אופן פון אתה החיית נפש העני, וואס אין עני אלא בדעה (נדרים מא, א), ואין דעת אלא תורה (סוטה מט, א), איז דורך דעם ווערן מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה.

און ווי דער צ"צ זאגט (אוה"ה בראשית ע' 2052) - עפ"י מארז"ל (ויק"ר פ"ב, א) אלף נכנסים למקרא ואחד יוצא להוראה - אז דאס איז ניט קיין גוזמא נאר אזוי איז דאס טאקע, אז ער האט דעם כח פון אלף, וואס די כוונה אין דעם איז כפשוטו, אז אן ענין וואס ער האט געדארפט האבן אלף שעות אויף צו משיג זיין אים, איז ער דאס משיג אין איין שעה.

- דאס איז זיכער אז ס'דארף זיין דער לימוד און יגיעה בתורה, ווארום אן יגיעה וועט דאס ניט קומען פון זיך אליין, נאר בשעת ער איז זיך מתייגע אין תורה, האט ער אין דעם א הצלחה, אז דאס וואס עס דארף נעמען אלף שעות, איז ער משיג בשעה אחת.

וואס דאס איז אלץ בשעת מ'טוט שלא לשמה - כדי ס'זאל זיין דער שכר פון נעשים מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה, דער אמת איז אבער אז אין דעם עצם ענין איז דא אן ענין נעלה ביותר (מלבד השכר), אז דורך דעם וואס ער איז מקיים דעם ציווי פון רבותינו נשיאינו, איז וויבאלד אז צדיקים דומין לבוראן (ב"ר פס"ז, ח), איז אזוי ווי בשעת ער איז מקיים דעם אויבערשטן'ס ציווי, איז דאך דער ענין המצוה - מלשון צוותא וחיבור (לקו"ת בחוקותי מה, ג) - דורך דעם ווערט ער פארבונדן מיטן אויבערשטן, עד"ז בשעת ער איז מקיים דעם ציווי פון א צדיק, נעמט ער דעם עצם פון דעם צדיק.

ובפרט לאחר ההסתלקות פון דעם צדיק, וואס דעמולט איז שבק חיים לכל חי, איז מען מקבל די המשכות פון אים ווי דאס איז למעלה מהגבלת כלי הגוף, כמבואר אין אגה"ק (סי' ז"ך וביאורו) בענין הסתלקות הצדיק.

וואס פון יענע אגה"ק זעט מען אן ענין נפלא (וכרגיל אז דערצו איז מען ניט משים לב), וואס מ'זאגט דאך לא קאי איניש אדעתי' דרבי' עד ארבעין שנין (ע"ז ה, ב), ובפשטות דארפן טאקע דורך גיין פערציק יאר אויפן לוח, ווי די גמרא (שם) ברענגט אויף דעם פסוק "ואולך אתכם ארבעים שנה במדבר" (תבוא כט, ד) - איז דאס איז אלץ בשעת רבו געפינט זיך אין דער הגבלה פון כלי הגוף, אבער לאחר ההסתלקות וואס דעמולט איז מען מקבל פון אים שלא ע"י הגבלה הגוף, דעמולט איז ניטא די הגבלה פון ארבעין שנין, אויב ס'איז נאר דא די התקשרות און די אהבה צו דעם צדיק, איז רוח איתי רוח וכו', ווי ער זאגט דארטן "כי בראוהו ילדיו מעשה ידיו בקרבו וכו' כאשר נלך בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו נס"ו".

- דארף -

הנחת הת' בלתי מוגה

דארף דאך זיין דער ענין פון "נלכה באורחותיו"; וואס דער ענין פון אלטן רבי'ן איז צו מאכן בעלי תשובה (כנ"ל פון דעם סיפור מיטן חלום וכו'), עד"ז איז אויך געווען ענינו פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, איז דורך דעם וואס נלכה באורחותיו, איז מען מקבל די השפעה פון זיי.

ביז אז עס וועט זיין והקיצו ורננו שוכני עפר והם בתוכם, בביאת משיח צדקנו, וואס דאס איז דאך אויך פארבונדן מיט דעם ענין התשובה, ווארום משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא (הובא בלקו"ת שבע"צ צב, ב), ד.ה. אז ענינו של משיח איז דער ענין התשובה ע"ד ווי די נשיאים, וישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין, בגאולה האמיתית והשלימה, בקרוב ממש.

ב. עפ"י האמור לעיל, דארף מען מבאר זיין נאך א נקודה כדי צו באווארענען א שאלה:

עפ"י האמור לעיל קומט דאך אויס אז ס'איז דא דער משפיע און ס'איז דא דער מקבל, און דער משפיע דארף אויף אים פועל'ן ער זאל זיין מר כדע - ער זאל ניט האבן קיין שייכות צו ענינים של ע"ז וכו', ביז אז מ'זאגט אויף דעם די אלע דוגמאות הנ"ל פון אור והושך וכו', קען דאך דאס פועל'ן א נמיכות הרוח ביי דעם מקבל, וויבאלד אז מ'זאגט אים אז ער איז דער מקבל, און מ'זאגט אויף אים די דוגמאות וכו'.

אויף דעם זאגט מען אים אז דאס איז ניט אזוי, נאר ביי אים איז דא אזא עילוי וואס איז ניטא אפי' ביי דעם וואס האט משפיע געווען אויף אים, ביי אים איז דא דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, וואס די מעלה שבזה איז אז דער חושך עצמו איז מאיר, כמ"ש (תהלים קלט, יב) "ולילה כיום יאיר" - ניט אז דער לילה ווערט יום, ער בלייבט לילה, נאר דער לילה אליין איז מאיר, און דאס איז מאיר אזוי ווי לילה איז מאיר.

וואס אין דעם ענין פון הפיכת החושך זיינען דאך דא כו"כ דרגות,

ע"ד ווי ס'איז דא כו"כ דרגות בענין התשובה; ס'איז דא דער ענין אין תשובה וואס דורך דעם ווערט ער אזוי ווי א צדיק גמור, דערנאך איז דא א העכערע דרגא אין תשובה, וואס זדונות נעשו לו כזכיות, וואס די דרגא איז העכער פון א צדיק גמור, ביז אז במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד שם (סנהדרין צט, א), וואס דאס איז א דרגא וואס איז באי"ע העכער פון א צדיק גמור.

וואס די ערשטע דרגא אין תשובה קען קומען בשעתא חדא וברגעא חדא, משא"כ די דרגא אין תשובה וואס איז העכער פון א צדיק גמור, קומט דוקא דורך עבודה און התבוננות, כמבואר אין תניא (פ"ז) אז דאס קומט מצד די התבוננות אין דעם וואס עד איז געווען בארץ צי' וכו', וואס דורך דעם ווערט ביי אים דער צמאון ביתר עז מצמאון נפשות הצדיקים, און וויבאלד אז דאס קומט דורך די התבוננות דוקא, קען דאס ניט זיין בשעתא הדא, נאר דאס דארף נעמען זמן (ראה שיחת וא"ו תשרי ושבת שובה ש.ז.).

וואס עפי"ז ווערט פארענטפערט א שאלה אין נגלה: די גמרא (קידושין מט, ב) זאגט דאך המקדש את האשה ע"מ שאני צדיק גמור מקודשת, ווארום ער האט מהרהר געווען בתשובה, איז ער געווארן א צדיק גמור, איז לכאו' ניט פארשטאנדיק פארוואס איז זי מקודשת, ער איז דאך ניט קיין צדיק גמור, ער איז א בעל תשובה וואס איז העכער פון א צדיק גמור,

- איז -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

איז דאך דאס ע"ד המקדש את האשה ע"מ שאני עני ונמצא עשיר, וואס דעמולט איז דער דין אז אינה מקודשת (שם מח, ב), ווייל זי קען זאגן אז זי וויל ניט קיין עשיר, ווייל ס'איז דא כו"כ ענינים וואס אלס עשיר וועט ער מאנען מער וכו', ועד"ז איז דאך אויך בנוגע צו המקדש את האשה ע"מ שאני צדיק גמור, קען זי דאך זאגן אז א צדיק גמור וויל זי, אבער א בעל תשובה וואס איז העכער פון א צדיק גמור, דאס וויל זי ניט,

– ע"ד וואס די אלמנה האט געזאגט צו אלי' הנביא "בתוך עמי אני יושבה" (מלכים ב' ד, יג), אז בשעת זי געפינט זיך בתוך עמי, רעכנט מען איר ניט די עוונות הקלים, אבער בשעת אז זי וועט זיין צוזאמען מיט א צדיק, וועט מען איר רעכענען אויך די עוונות הקלים –

איז וויבאלד אז א בע"ת איז העכער פון א צ"ג, דארף דאך לכאו' זיין אינה מקודשת, ווארום זי וויל נאר א צ"ג, און ניט א העכערע דרגא – א בע"ת.

איז דער ביאור בזה, אז אין דעם ענין התשובה זיינען דא כו"כ דרגות כנ"ל, איז דאס וואס מ'זאגט אז דורך א הרהור תשובה בשעתא חדא וברגעא חדא איז ער געווארן בדרגת צ"ג – איז דאס די ערשטע דרגא אין תשובה, וואס ער ווערט נאר בדרגת צ"ג (און ניט א בע"ת וואס איז העכער פון א צ"ג), וואס די דרגא אין תשובה קען זיין בשעתא חדא וברגעא חדא, דורך א הרהור תשובה ברגע אחד ווערט ער א צ"ג;

ס'איז נאך אבער ניט די דרגא הנעליה שבתשובה – דרגת בע"ת וואס איז העכער פון צ"ג, ווארום די דרגא אין תשובה (שלמע' מצ"ג) קען ניט זיין ברגע אחד, נאר דאס קומט ע"י עבודה והתבוננות כנ"ל, איז דאס דוקא בריבוי זמן. וואס דערפאר איז המקדש את האשה ע"מ שאני צ"ג מקודשה, ווארום דורך א הרהור תשובה ברגע אחד קען ער צוקומען צו די דרגא פון א צ"ג, אבער ניט צו די דרגא פון א בע"ת שלמעלה מצ"ג].

איז ע"ד ווי ס'זיינען דא כו"כ דרגות אין דעם ענין התשובה, עד"ז זיינען דא כו"כ דרגות בנוגע צו הפיכת החושך: א) דער חושך ווערט אויס חושך, ב) דער מקום החושך ווערט ליכטיק, ג) דער חושך עצמו איז מאיר. וואס דאס איז די מעלה פון אתהפכא, אז דער חושך אליין איז מאיר.

וע"ד המבואר אין א מאמר (וואס איז ניטא בדפוס נאר אין די ביכלאך) להבין ענין ר"א הגדול ור"ע וואס ביידע זיינען געווען מלכתחילה עמי הארץ, און ניט דערפאר וואס זיי זיינען געווען אין אן ארט וואו ס'איז ניט געווען קיין ת"ח און יר"ש – זיי זיינען געווען אין אן ארט וואו ס'איז געווען ת"ח, און פונדעסטוועגן זיינען זיי ניט געווען קיין ת"ח, ביז ווי די גמרא (פסחים מט, ב) דערציילט אז ר"ע האט געזאגט מי יתן לי ת"ח וכו', עד"ז בנוגע צו ר"א הגדול, זאגט ער דאך אין פרדר"א (בתחילתו) אז זיין גאנצע משפחה – הורקנוס אביו, און זיינע ברידער זיינען געווען ת"ח, חוץ פון אים, ביז אז ס'איז געווען די מעשה וואס נשברה רגל פרתו וכו', זעט מען אז סיי ר"א הגדול סיי ר"ע זיינען מלכתחילה געווען עמי הארץ.

איז ער מבאר דארטן אין מאמר, אז דאס איז מצד די מעלה פון אתהפכא, וכמ"ש (קהלת ב, יג) "וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך". וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק וואס איז דער אויפטו אין דעם, ס'איז דאך א דבר הפשוט אז ס'איז דא א יתרון לחכמה אויף סכלות, און צו אור אויף חושך – דאס דארף זאגן שלמה המלך דער חכם מכל האדם?

– נאך –



הנחת הת' בלתי מוגה

נאר דער ביאור אין דעם איז, אז דא כיינט כען ניט דעם יתרון פון חכמה לגבי סכלות, נאר אז ס'איז דא א יתרון לחכמה וואס קומט מן הסכלות לגבי חכמה כלכתחילה וואס איז ניט געקומען מן הסכלות, ע"ד ווי ס'איז דא א יתרון צו אור וואס קומט מן החושך לגבי אור מצ"ע וואס איז ניט געקומען מן החושך. וואס דאס איז די מעלה פון אתהפכא חשוכא לנהורא.

וואס עפי"ז איז פארשטאנדיק אז ס'איז ניט דער טייטש אז ער איז דער משפיע און יענער איז דער מקבל, נאר ביי יענעם איז דא א מעלה וואס איז ניטא ביי דעם וואס האט אים מקרב געווען - וואס ביי אים איז דא די מעלה פון אתהפכא כנ"ל בארוכה.

ואדרבה, ער פועל'ט א עילוי ביי דעם וואס האט אים מקרב געווען; וויבאלד אז ער האט גע'פועל'ט אויף אים דעם ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, און דורך אים איז געווארן "אם תוציא יקר מזולל" (ירמי' טו, יט) - איז דורך דעם קומט ער צו די דרגא וואס הקב"ה גוזר והוא מבטל, ותגזור אומר ויקם לך - אז דער אויבערשטער איז גוזר, און לפועל ווערט ווי ביי אים קומט אויס (ראה ב"מ פה, א), וואס צו די מעלה קומט ער דורך דעם וואס ער האט גע'פועל'ט ביים זולת דעם "אם תוציא יקר מזולל",

קומט דאך אויס אז דורך דעם מקבל איז צוגעקומען א מעלה ביי דעם משפיע, במילא איז מובן אז ס'איז ניט שייך אז יענער זאל האבן א נמיכות הרוח דערפאר וואס ער איז דער מקבל, ווארום אדרבה, יותר ממה שבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם הבעה"ב (ויק"ר פל"ד, ח), וויבאלד אז ער האט גע'פועל'ט ביי דעם וואס האט אים מקרב געווען - די מעלה וואס הקב"ה גוזר והוא מבטל.

עד"ז פועל'ט ער ביי דעם וואס האט אים מקרב געווען - די מעלה פון תשובה, ווארום אזוי ווי ער איז דאך א צדיק, און א צדיק דארף דאך אויך תשובה טאן, ער האט אבער ניט אויף וואס צו תשובה טאן, ווארום ער האט קיין מאל ניט געזינדיקט, דארף ביי אים זיי די תשובה פון "והרוח תשוב אל האלקים" -

אבער אזוי ווי לאו כל כוחא סביל דא - אזא הויכע דרגא אין תשובה, האט ער אן עצה פשוטה, זאל ער פועל'ן אויפן זולת ער זאל זיין א בע"ת, איז דורך יענעם באקומט ער אויך די מעלה פון תשובה, במילא דארף ער ניט ווארטן ביז ער וועט לערנען די דרושים פון פ' האזינו וואס דארטן רעדט זיך וועגן די תשובה פון "והרוח תשוב אל האלקים", נאר אפי' אז ער האלט א סדרה לפנ"ז, קען ער אויך צוקומען צו דעם ענין התשובה - דורך דעם וואס ער פועל'ט אויפן זולת ער זאל זיין א בע"ת;

וואס דעמולט איז דאך דאס ע"ד ווי שנים אוחזין בטלית זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי, כידוע דער ביאור בזה (ראה הוספות לכש"ט ע' 48 ואילך) אז בשעת איין נשמה אדער צוויי נשמות האבן מסייע געווען צו מברר זיין א בירור, זאגט יעדער נשמה כולה שלי - דער בירור האט א שייכות צו אים, וויבאלד ער האט געהאלפן צו מברר זיין אים. ועד"ז דא, וויבאלד אז ער האט גע'פועל'ט אויף יענעם ער זאל זיין א בע"ה, האט ער אין דעם א חלק, במילא פועל'ט דאס דעם ענין התשובה אויך ביי אים.

וואס דערפאר איז דאך ניט שייך אז דער מקבל זאל האבן א נמיכות הרוח, ווארום אדרבה, ער פועל'ט אויף דעם משפיע די מעלה פון הקב"ה גוזר והוא מבטל, און אויך מעלה התשובה.

ובפרט אז דער אמה איז דאך אז דער וואס האט אים מקרב געווען

- האט -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

האט ניט גע׳פועל׳ט אויף אים א נייע זאך, ווארום בפנימיותו איז ער כדבעי, ער וויל מקיים זיין תומ"צ וכו׳, וכתורת הבעש"ט (כש"ט הוספות ע׳ 30) עה"פ "כי תהיו אתם ארץ חפץ" (מלאכי ג, יב) - אז ביי יעדער איד זיינען דא אוצרות פון אבנים טובות און הון יקר, ס׳איז כערניט אז עס זיינען דא אזוינע וואס מ׳דארף זיי העלפן אראפנעמען די דברים המעליכים, און דעמולט ווערט נתגלה <u>זיין</u> פנימיות וואס איז געווען אויך פריער.

ואע"פ אז בגילוי דארף מען קנעלן מיט אים, און משפיע זיין אויף אים וכו׳, אעפ"כ מוז מען זאגן אז בפנימיותו וויל ער מקיים זיין תומ"צ, ווארום אויב ניט, וואלט ניט געווען שייך צו משנה זיין אים דורך כפי׳ בדברים, ווארום א איד איז דאך דומה לבוראו, האט ער דאך בחירה חפשית, און וויבאלד אז מ׳זעט אז מ׳קען פועל׳ן אויף אים, איז דאס א הוכחה אז דאס איז ניט קיין נייע זאך וואס מ׳האט גע׳פועל׳ט ביי אים, נאר ביי אים איז דאס דא אויך פריער, ס׳איז מערניט אז דאס איז בפנימיות ובהעלם, און מ׳דארף דאס מגלה זיין.

אעפ"כ, וויבאלד אז דאס איז בהעלם - דער טלית איז בשוק, און ער איז דאס מגלה, האט ער א שייכות צו דעם בירור כנ"ל, ביז אז ער האט א טענה אז כולה שלי, וואס דאס איז דאך א טענה עפ"י תורה, ד.ה. אז דורך דעם וואס ער פועל׳ט איפן זולת - ווערט אויך ביי אים דער ענין התשובה בנ"ל.

דארף טאקע זיין דער ענין פון הכרת טובה כלפי דעם וואס האט אים מקרב געווען, וויבאלד אז ער האט מגלה געווען ביי אים אן ענין וואס איז געווען בהעלם, אבער ניט קיין רגש פון נפילת הרוח, ווארום אדרבה, יותר כמה שבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם הבעה"ב, דארף ער טאקע וויסן אז יענער האט אויף אים משפיע געווען, און ער דארף אים געבן כבוד, ווי די גמרא (ב"מ לג, א) זאגט אז אפי׳ אויב ער האט געלערנט פון אים וואס איז "זוהמא ליסטרון", ווערט ער אנגערופן רבו, אבער לאידך דארף ער וויסן אז יותר וכו׳ העני עושה עם הבעה"ב, ווארום ער האט גע׳פועל׳ט אויף דעם משפיע - ער זאל האבן א שייכות צו דעם ענין התשובה.

יעדער ענין דארף דאך זיין אויך אין נגלה, ועד"ז בעניננו, וואס די גמרא (תמורה טז, א) זאגט עה"פ מאיר עיני שניהם ה׳ (משלי כט, יג), אז בשעת דער מקשן פרעגט א שאלה, און דער מהרץ ענטפערט אים א תירוץ, ווערט דעמולט "מאיר עיני <u>שניהם</u> ה׳".

וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק, דער מקשן איז דאך סתם מקשן ע"ה, און דער וואס ענטפערט אים, איז דאך אין א העכערע דרגא, וואס דערפאר קען ער אים ענטפערן, איז ווי אזוי איז מען כולל ביידע צוזאמען אין איין ווארט "שניהם", און מ׳זאגט אז "מאיר עיני שניהם" בשוה?

איז דער ביאור אין דעם, אז דורך דעם וואס ס׳איז דא דער ענין פון א מקשן און א מתרץ, ווערט נמשך א הארה פון דעם אויבערשטן, און א הארה וואס איז העכער פון ביידן, וואס לגבי די הארה זיינען ביידע בשוה.

וואס לכאו׳ קען ער טענה׳ן וואס דארף ער פארנעמען זיך מיט דעם מקשן, זאל ער זיצן פאר זיך און הארעווען אין תורה, וועט זיין יגעת ומצאת (מגילה ו, ב), וועט ער משיג זיין מער - זעט מען דאך אבער אז ס׳איז ניט אזוי, ווארום דאס וואס ער וועט לערנען פאר זיך, איז דאס אלץ וואס ער קען צוקומען מצ"ע, אבער דורך דעם מקשן, ווערט נמשך א

- הארה -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

הארה וואס איז העכער סיי פון דעם משפיע סיי פון דעם מקבל, און עס ווערט דער "מאיר עיני שניהם ה׳".

וואס דאס איז אויך וואס דער אלטער רבי שרייבט אין דער הקדמה צו תניא, צו די וואס ער רופט זיי אן "גדולים", אז ער בעט ביי זיי אז זיי זאלן זיך ניט פירן אין אן אופן פון שפלות של שקר, נאר זיי זאלן ענטפערן צו די וואס קומען פרעגן ביי זיי, ווארום דורך דעם ווערט "מאיר עיני שניהם ה׳".

וואס דערפון זעט מען די מעלה וואס קומט צו ביים משפיע - דורך דעם מקבל.

דער ענין איז אויך פארשטאנדיק ברבוי פון די רשימה פון אלטן רבי׳ן "נפש השפלה באמת לאמיתו". וואס לכאו׳ איז ניט מובן ווי שרייבט ער אויף זיך "נפש השפלה"; ס׳איז דאך פארשטאנדיק ווי ביי אים איז געווען מדת האמת במשך כל ימי חייו, ובפרט קודם ההסתלקות, איז וויסנדיק את כל פעולתו ועבודתו אשר עבד, איז ווי קען ער זאגן אויף זיך "נפש השפלה באמת לאמיתו"?

איז דער ביאור בזה, וויבאלד אז עניינו פון דעם אלטן רבי׳ן איז געווען צו מאכן בע"ת כנ"ל - אם תוציא יקר מזולל, איז דורך דעם ענין איז ביי אים צוגעקומען אן ענין נעלה יותר, וואס לגבי דעם ענין וואס איז צוגעקומען דורך די עבודה פון להוציא יקר מזולל - איז זיין פריערדיקע דרגא געווען אין אן אופן פון נפש השפלה. וואס דערפאר האט ער געשריבן אין די רשימה "נפש השפלה באמת לאמיתו" - אז זיין גדלות וואס איז געווען לפנ"ז, איז לגבי דעם ענין וואס קומט צו דורך מאכן בעלי תשובה - איז דאס אין אן אופן פון נפש השפלה באמת לאמיתו.

וע"ד ווי ער איז מבאר אין אגה"ק קטנתי מכל החסדים ומכל האמת (ס"ב) - "מפני היות יעקב קטן במאד מאד בעיניו מחמת ריבוי החסדים", ד.ה. אז ריבוי החסדים וכו׳ פועל׳ט ביי אים אן ענין של שפלות, ועד"ז איז אויך בנוגע צו די רשימה פון נפש השפלה, וואס דארטן ברייננגט זיך אויך דער ענין פון חסד ואמת - "אמת אמר אל יברא וכו׳ וחסד אמר יברא" (ווי דער ביאור אין דעם זאל נאר זיין).

דערפון איז דא א הוראה פאר אונז: דלכאו׳ איז דאס אן ענין וואס איז ניט נוגע צו אונז, ווארום דער אלטער רבי האט געדארפט אנקומען צו א התבוננות אז לגבי דעם ענין נעלה וואס קומט צו דורך מאכן בע"ת איז זיין פריערדיקע דרגא - נפש השפלה, אבער אנשים כערכנו דארפן ניט אנקומען צו אזא חשבון, אויב ער וועט נאר מאכן א חשבון צדק פון זיין מעמד ומצב, וועט ער זען אז ער איז מאקע נפש השפלה, איז וואס איז די הוראה פון די רשימה צו אנשים כערכנו?

נאר די הוראה איז, אז דערפון זעט מען דעם גודל הענין פון טאן מיטן זולת, אז די אלע דרגות צו וועלכע ער קען צוקומען דורך זיין עבודה מיט זיך, איז דאס אלץ מלב"ע און איז אין אן אופן פון נפש השפלה לגבי דאס וואס ביי אים קומט צו דורך די עבודה מיטן זולת.

וכידוע דער סיפור (סה"ש קיץ ש"ה ע׳ 98) מיטן צ"צ, אז ער האט געוואלט זען דעם אלטן רבי׳ן (לאחר ההסתלקות) כדי ער זאל אים ענטפערן אויף כמה ענינים אין ליכוד ההוראה, און ער האט ניט מצליח געווען צו זען אים, ביז אז ס׳איז געווען א טאג וואס ער האט בעליען געלט פארן דאוונען צו א אידן ער זאל קענען קויפן אן עגל בשוק, און גלייך נאך

- דעם -

דעם ווען ער האט זיך געשטעלט ראוונען, האט ער געזען דעם אלטן רבי׳ן בפנים צהובות. וואס דערפון זעט מען אויך דעם גודל הענין פון טאן כיסן זולת.

ואע"פ אז דעם סיפור דערציילט מען אויף יחידי סגולה, וואס ביי זיי איז געווען שייך צו זען דעם אלטן רבי׳ן בהקיץ אדער בחלום וכו׳, איז וואס פאר א שייכות האט דאס צו אונז? וויבאלד אבער אז התורה על הרוב תדבר, ובפרט אז דער סיפור איז דערגריינגען צו אונז, איז דאס א הוראה אז דאס האט צו אונז א שייכות, ואע"פ אז בגשמיות איז דאך דער ענין ניט שייך צו אונז, אעפ"כ איז דאס דא ברוחניות.

וכידוע דער משל וואס דער רבי מהר"ש איז מבאר (ד"ה פזר נתן הרכ"ב), אז בשעה איינער האט א פארמאכטע תיבה וואס אין איר זיינען דא אבנים טובות וכו׳, אבער די תיבה איז פארמאכט און ער קען איר ניט עפענען, איז ער דאך אבער דער בעה"ב אויף דעם, דאס איז זיין תיבה. ועד"ז דא, דעם ענין בגילוי, וועט ער האבן בשעת ס׳וועלן נתגלה ווערן די ענינים פון עולם האצילות וכו׳, אבער אויך פאר דעם, איז דאך דאס ע"ד ווי ער האט א תיבה סגורה, און ער האט אפי׳ דעם שליסל צו די תיבה, איז צי דערפאר וואס די תיבה איז פארמאכט האט ער איר ניט?! ער איז אויף דעם דער בעה"ב אויך ווען ער קען דאס ניט עפענען. ועד"ז בנוגע לעניננו, אז ער האט דעם ענין ברוחניות.

עד"ז זעט מען אויך וואס די גמרא (ב"מ פה, ב) זאגט כמה גדולים מעשי חייא, וואס ער האט געטאן פעולות כדי שלא תשתכח תורה מישראל, ווי די גמרא דערציילט אז צד צבי, און האט געמאכט פון זיין פעל קלף, און האט אויף דעם אנגעשריבן חמשה חומשי תורה, דערנאך האט ער געלערנט מיט חמשה תינוקות - מיט יעדערן איין חומש, און ער האט זיי געגעבן די הוכחים, און האט זיי געזאגט אז יעדער איינער פון זיי זאל לערנען מיט אנדערע, און עד"ז האט ער געטאן בנוגע צו די ששה סדרי משנה וכו׳, און דורך דעם האט ער גע׳פועל׳ט שלא תשתכח תורה מישראל.

און אופן עבודתו איז געווען אז ער האט אלץ אליין געטאן, ער איז אליין געגאנגען פאנגען דעם צבי, וואס לכאו׳ האט ער געקענט בעטן א צייד ער זאל כאפן פאר אים א צבי, אעפ"כ האט ער דאס אליין געטאן, ווייל ער האט געוואלט אז דער ענין זאל אויך זיין דורך אים.

וואס דערפון האט מען די הוראה ווי אזוי עס דארף זיין דער אופן העבודה, ניט ער זאל ווארטן ביז א צווייטער וועט טרעפן דעם אידן וואס מ׳דארף אים מקרב זיין, און ער וועט אים ברייננען צו אים, דערנאך וועט ער אים געבן א שלחן וכסא וכו׳ מיט א גוטע סעודה, און ער וועט נאר דארפן רעדן און משפיע זיין אויף יענעם - זעט מען פון דעם סיפור הנ"ל אז דער אופן העבודה איז אז ער דארף אלץ טאן, ער דארף אליין גיין און טרעפן א אידן וואס מ׳דארף אים מקרב זיין, און משפיע זיין אויף אים וכו׳ וכו׳.

און דער ענין דארף זיין ביי יעדערן, און יעדערער איז שייך דערצו, וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו צדקה גשמית, אז אפי׳ אן עני דארף געבן צדקה פון דעם וואס ער האט, עד"ז בנוגע צו צדקה רוחנית, אז יעדערער דארף געבן צדקה רוחנית, אפי׳ אויב ער איז א קטן שבקטנים, איז אויב ער האט נאר עפעס אן ענין אין תומ"צ, דארף ער גיין און געבן דעם ענין צו א צווייטן וואס האט נאך ניט אפי׳ דעם ענין. און דוקא בשעת ער טוט אין אזא אופן, ווערט דער "מאיר עיני שניהם ה׳".

- וכנ"ל -

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

וכנ"ל אז ס'איז ניט דער סייסש אז ער פועל'ט אויף דעם צווייטן א נייער ענין וואס יענער האט ניט געהאט - ווארום בפנימיות וויל דאך יעדער איד מקיים זיין הומ"צ. וכהורה הבעש"ט אז יעדער איד איז אן ארץ חפץ וואס אין אים זיינען דא אוצרות יקרים וכו', ס'איז מערניט וואס מ'דארף דאס מגלה זיין.

און מ'איז דאס מגלה אין אן אופן אז עס ווערט שלהבת עולה מאלי', און די שלהבת פארברענט די שיריים פון כהלי הגלות, און ס'ווערט דער אמת'ער "ופרצת", לכעלה מכל מדידה והגבלה, ביז ס'וועט זיין דער "יעלה הפורץ לפנינו", וקאתי מר מלכא משיחא, בקרוב ממש.

ג. אין דעם איז דא א נקודה נוספה, וואס ס'איז דא אזוינע וואס מענה'ן אז וויבאלד ביי זיי איז אריבער געגאנגען כמה שנים אדער רוב שנותיהם וואס זיי זיינען געלעגן אין ענינים גשמיים, וואס יעדער ענין גשמי איז דאך בסתירה צו די הבנה והשגה - ובפרט צו די קליטה - פון דעם ענין פון "אין עוד מלבדו",

ווארום אן ענין גשמי בכלל וועלכער ווערט נתפס אין חוש המישוש, איז דאך בסתירה צו רוחניות, וואס דערפאר איז דאך אפי' א נשמה, בשעה די איז מלובש אין א גוף גשמי, קען ביי איר ניט זיין ידיעת המהות אין אלקות, ווייל זי איז מלובש אין א גוף גשמי - אזוי איז מבואר אין חסידות -

איז דא די וואס טענה'ן אז וויבאלד ס'איז ביי זיי דורך געגאנגען כו"כ שנים וואס זיי זיינען געלעגן אין ענינים גשמיים, איז ווי קען ער פועל'ן ביי זיך ער זאל גלייך האבן א שייכות צו דעם ענין פון אין עוד מלבדו?

און אויף צו מבאר זיין דעם ענין, קומט צו א נקודה נוספת וואס איז מובן פון אגה"ק ס"כ:

וואס דארטן רעדט זיך מעלת הגשמיות אין אלע ענינים: בנוגע צו הומ"צ איז מבואר דער גודל המעלה וואס איז דא אין מצוות מעשיות דוקא; בנוגע צו די עשרה מאמרות שבהם נבה"ע איז מבואר די מעלה אין דעם מאמר "הדשא <u>הארץ</u>" לגבי שאר המאמרות; בנוגע צו עוה"ז הגשמי - אז דוקא אין יסוד העפר שבו איז דא אן ענין נעלה ביותר - כח הצמיחה, וואס ער איז דאך מעין בחי' א"ס.

עד"ז אין די רשימה פון נפש השפלה באמת לאמיתו איז מבואר די מעלה פון צדקה גשמית, און ער זאגט אז "בעקבות משיחא שנפלה סוכת דוד הנופלה עד עפר .. והעבודה העיקריה בבחי' עקביים לבד בלי הורת אמת משניות ובריתות שהן גדפין וירכין", דעמולט איז עיקר העבודה "גבי"ה גשמיים".

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו צדקה רוחנית - אז דאס איז גשמיות שברוחניות, ווארום מ'רעדט דאך ניט וועגן א למדן וואס מ'דארף פועל'ן אויף אים ער זאל זיין א גרעסערער למדן, אדער פועל'ן אויף א ירא"ש ער זאל זיין א גרעסערער ירא"ש, נאר מ'רעדט וועגן סור מרע כפשוטו - גשמיות שברוחניות.

זעט מען דאך אז סיי אין אגה"ק ס"כ, סיי אין די רשימה פון נפש השפלה - רעדט זיך וועגן מעלת הגשמיות.

- אע"פ -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אע"פ אז די ענינים האט ער געשריבן קודם הסתלקותו, און כל חייו פון דעם אלטן רבי'ן וכל ענינו איז דאך אלץ רוחניות, ווי ער איז מבאר אין אגה"ק (סי' ז"ך וביאורו) אז חיי הצדיק זיינען חיים רוחניים - אמונה יראה ואהבה, אעפ"כ איז ער דא מבאר בארוכה מעלת הגשמיות דוקא.

און בשעת ער איז מבאר מעלת הגשמיות, קען מען ניט זאגן אז ער שרייבט דאס נאר אלס הוראה פאר אונז, און ניט בנוגע צו זיך - ווארום ביי א פנימי בכלל, עאכו"כ ביי א צדיק, עאכו"כ ביי א נשיא, איז ניט שייך ער זאל זאגן אן ענין וואס איז נוגע נאר צום זולת און ניט צו זיך, מוז מען דאך זאגן אז דעם ענין האט ער געשריבן ניט נאר אלס הוראה פאר אונז, נאר אויך בנוגע צו זיך.

ע"ד דער סיפור וואס איז געווען ביים רבי'ן נ"ע, אז ער האט אמאל געשיקט א פדיון אין אוהל, און כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט אז דער פדיון איז געווען בנוגע צו אמירת חסידות, און אין דעם פדיון האט ער געשריבן יה"ר שיפעול בי ובהשומעים, וואס דארטן איז דאך די כוונה כפשוטו אז ער האט געבעטן שיפעלו בי ובהשומעים. און מ'קען דאך ניט זאגן אז ער האט דאס געשריבן אלס הוראה פאר אונז און ניט בנוגע צו זיך, ווארום דאס איז ניט געשריבן געווארן אלס א הוראה,

ואדרבה, בחיי פון דעם רבי'ן נ"ע איז דאס ניט נתפרסם געווארן, ערשט כמה עשירויות שנים לאח"ז - בערך יובל שנים - האט דאס כ"ק מו"ח אדמו"ר מפרסם געווען, אבער בשעת ס'איז געשריבן געווארן, איז די כוונה געווען בפשטות - שיפעול בי ובהשומעים, און בנוגע צו נשמותיהם מיט אלע ענינים פנימיים שבזה - מ'זאגט נאר אז דערפון איז אויך דא א הוראה פאר אונז. ועד"ז איז מובן בנוגע צו דעם ביאור פון אלטן רבי'ן במעלת הגשמיות, אז דאס איז ניט נאר אן ענין וואס איז א הוראה פאר אונז, נאר דאס איז אויך נוגע צו אים.

איז ער מבאר דארטן (באגה"ק ס"כ) די מעלה פון יסוד העפר, וואס אין אים איז דא דער כח הצמיחה. וואס די כוונה איז דאך צו דעם יסוד העפר בגשמיות כפשוטו, און מ'קען ניט זאגן אז ער מיינט דעם יסוד העפר ברוחניוה, ווארום ער רעדט דאך וועגן צמיחה גשמית פון עשבים אילנות און פירות, וואס דאס איז דא דוקא אין יסוד העפר הגשמי. ואדרבה, מצד דעם וואס ס'איז דא דער ענין הצמיחה אין יסוד העפר הגשמי, איז אויך דא דער ענין הצמיחה אין יסוד העפר הרוחני.

וואס דא זעט מען מעלת הגשמיות, אז דוקא אין דעם ענין הכי נמוך - יסוד העפר הגשמי, דארטן איז דא כח הצמיחה, ניט אין שמש וירח אדער שאר נבראים, נאר דוקא אין יסוד העפר הגשמי. וואס דער ענין הצמיחה איז דאך מעין בחי' א"ס, און אין אן אופן פון בל"ג, און דאס איז אלץ מלובש אין יסוד העפר הגשמי דוקא.

יתירה מזו: ער איז דארטן מבאר אז אין דעם ענין הצמיחה זיינען דא צוויי אופנים: ס'איז דא דער כח הצמיחה אין יסוד העפר ווי ער איז מצמיח מצ"ע "להצמיח עשבים ואילנות ופירות .. תמיד .. שאם יתקיים עוה"ז ריבוי רבבות שנים יצמיחו מדי שנה בשנה"; און ס'איז דא נאך אן אופן אין צמיחה וואס איז ע"י תפיסת ידי אדם "ע"י העלאת מ"נ והם הזרועים והנטועים" - וואס דער אדם איז זורע א גרעין - און דורך דעם איז ער מעורר דעם כח הצמיחה.

זאגט ער דארטן "והנה הפירות שע"י העלאת מ"נ היא הזריעה והנטיעה

- הם -

הם משובחים מאד מאד מהעולים מאליהן מכח הצומח לבדו שבארץ". וואס דערפון זעט מען נאך מער די מעלה פון גשמיות, אז אין כח הצמיחה גופא איז בשעת דאס איז פארבונדן מיט תפיסת ידי אדם (יותר גשם מאשר כח הצמיחה שכצ"ע) - איז דאס באופן נעלה יותר.

עד"ז זעט מען אין דעם וואס ס'שטייט (תולדות כו, יב) "ויזרע יצחק בארץ ההיא וגו'", פרעגט ער אויף דעם אין פרדר"א (רפל"ג) "וכי יצחק זרע דגן ח"ו", און ער איז מבאר "אלא כו' זרע צדקה .. זרעו לכם לצדקה". וואס דאס איז דאך זיכער אז ער קומט ניט שולל זיין דעם ענין הזריעה כפשוטו, ווארום אין מקרא יוצא מידי פשוטו, די כוונה איז נאר אז די זריעה גשמית איז ביי אים געווען אן ענין של טפל בלבד לגבי דעם ענין פון זריעת הצדקה, ד.ה. אז דער ענין פון זריעה כדי צו מעורר זיין דעם כח הצומח שבארץ - איז דאס ניט ענינו של יצחק, נאר דער עיקר אין דעם איז געווען זריעת הצדקה.

פרעגט זיך די שאלה צוליב וואס האט-ער געדארפט פארט זייען, ער איז דאך געווען א צדיק, זאל ער דאווענען צום אויבערשטן, וואס האט ער געדארפט זייען? איז דער ביאור אין דעם, אז לולי דעם ענין הזריעה וואלט ביי אים געפעלט דער ענין פון העלאת מ"נ מלמטלמ"ע, און דער ענין פון "נקבה תסובב גבר". און דערפאר האט ער געדארפט זייען, און דוקא דורך דעם איז געווען די ברכה פון דעם אויבערשטן אין אן אופן פון "מאה שערים", ווי רש"י זאגט אז אומד זה למעשרות הי', און נאכמער דערפון (ראה לקו"ש ח"ה ע' 121 ואילך).

עד"ז איז מבואר אין חסידות (ד"ה יו"ט של ר"ה תרנ"ט ובכ"מ) בנוגע צו המשכת הטיפה גשמית, אז דוקא דורך א טיפה גשמית ווערט א הולדה פון א נייע זאך; אין השפעת השכל מרב לתלמיד ווערט ס נמשך א נייער ענין, וואס דערפאר איז דוקא בשעת דער תלמיד האט שכל מצ"ע, קען אים דער רב מסביר זיין און מפתח זיין דעם שכל וכו', אבער אויב דער תלמיד האט ניט שכל מצ"ע, קען אים דער רב ניט געבן א נייעם ענין, משא"כ בשעת ס'ווערט נמשך א טיפה גשמית פון מוח, און דאס ווערט נתגשם מער, ווערט דורך דעם א הולדה פון א נייע זאך, וואס דערפון זעט מען די מעלה פון גשמיות.

ועד"ז כנ"ל בנוגע צו דעם ענין הזריעה, אז דורך א פעולה גשמית וואס מ'טוט אין דער ערד - זריעה, איז מען מעורר דעם כח הצמיחה, און דעמולט איז די צמיחה באופן נעלה יותר.

עפי"ז איז פארשטאנדיק אז די טענה אז מ'איז געלעגן כו"כ שנים אין ענינים גשמיים, בכילא ווי קען ער ביי זיך פועל'ן ער זאל האבן א שייכות צו דעם ענין פון אין עוד מלבדו, ס'איז דאך אן ענין וואס איז מן הקצה אל הקצה - האט די טענה קיין ארט ניט, נאר אדרבה, אים איז גרינגער צוקומען צו דעם ענין פון אין עוד מלבדו, מצד גודל מעלת הגשמיות.

כמדובר כמ"פ אז פאר ביאת משיח דארפן אלע ענינים ארויסשפארן בגילוי, זעט מען איצטער אין די חכמות וואס לע"ע זיינען זיי נאך ניט קדושה בגילוי - אז בזמן האחרון זוכט מען ניט דעם ענין הישות והפירוד שבדבר, ווי יעדער זאך איז אן ענין בפ"ע, נאר מ'זוכט דעם כלל דערפון, ווי זיי רופן דאס אן - דעם חוק פון דער זאך, ד.ה. בשעת ס'זיינען דא צוויי פרטים, זוכט מען די נקודה המשותפת וואס איז דא צווישן זיי - דעם כלל שבהם, וואס מצד דעם כלל זיינען זיי איין זאך. און אז ס'איז דא צוויי כללים, זוכט מען דעם כלל וואס איז כולל די כללים.

- אין -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

– אין חסידות איז מבואר דער חילוק צווישן חכמה הטבע מיט חכמה אלקית, אז חכמת הטבע איז בנוגע צו די <u>מציאות</u> פון דעם יש, משא"כ חכמה אלקית איז בנוגע צו דעם <u>ביטול</u> היש לאין; זעט מען אז פאר ביאת משיח איז דא די נקודה אויך אין חכמת הטבע (וואס דערווייליע נוצט מען זיי נאך ניט אויף קדושה – קידוה"ח וכיו"ב), אז מ'זוכט ניט דעם ישוה און פירוד דערפון – אויב איינער וועט הערנט זוכן די ישות ופירוד שבהעניין, וועט מען זאגן אויף אים אז ער איז א טפש – נאר אדרבה, מבטל זיין דעם פירוד, און מאכן פון די ריבוי ענינים – איין ענין, פון הונדערט מאכן ניין און ניינציק, און ניט באגנוגענען זיך דערמיט, נאר מבטל זיין דעם ריבוי און דעם פירוד מער און מער.

ביז אז מ'איז מבטל אינגאנצן דעם ריבוי און דעם פירוד, און עס ווערט נאר איין זאך, וואס דאס איז דער אויבערשטער, וואס מאמיתת המצאו נמצאו כל הנמצאים, וכמבואר בארוכה אין שעהיוה"א אז די גאנצע מציאות פון דעם יש הנברא, איז דאס דער אין האלקי וואס איז אים מהוה.

און יעדערער קען צוקומען צו די השגה, אויב ער וועט נאר מבטל זיין און אפלייגן זיינע רצונות און זיינע תאוות, דעמולט איז דאך אדם מקדש עצמו מעט מלמטה, מקדשין אותו הרבה מלמעלה (יומא לט, א), ביז אז ער וועט צוקומען צו דעם ביטול פון "אין עוד", אז ס'איז אפי' ניטא קיין זאך וואס מ'דארף איר מבטל זיין, כמבואר בכ"מ.

וואס דאס ווערט דורך קיום התומ"צ, כולל דעם ענין התשובה, און דעמולט איז מען זוכה צו ביאת משיח, וואס משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא, וגארום ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין, בגאולה האמיתיה והשלימה ע"י משיח צדקנו, בעגלא דידן.

ד. מאמר כעין שיחה ד"ה ואלה שמות בנ"י וגו'.

ה. בנוגע לפירש"י עה"ת, איז דא א פירש"י עה"פ "ויקם מלך חדש וגו'" (א, ח). ברענגט אראפ רש"י די ווערטער "ויקם מלך חדש", און איז מפרש "רב ושמואל, חד אמר חדש ממש וחד אמר שנתחדשו גזירותיו".

אע"פ אז דער פירוש שטייט דאך אין גמרא (סוטה יא, א), און אין מדרש (שמו"ר פ"א, ח), אעפ"כ זיינען דא אין פירש"י עטלעכע זאכן וואס זיינען ניט פארשטאנדיק, און מ'שטעלט זיך ניט אויף זיי [וואס דא קען מען זען די עשירות וואס איז דא אין פירש"י, ובפרט בשעת מ'פארגלייכט דאס מיט פירש"י אין אנדערע ערטער (נוסף אויף די דיוקים אין פירש"י על אחר)]:

א) רש"י קומט דאך אפטייטשן וואס מיינט "מלך חדש", איז דאך דא דער כלל אין פירש"י אז ער ברענגט אראפ פון פסוק נאר די ווערטער וואס זיי איז ער מפרש, וואס לפי"ז איז ניט פארשטאנדיק פארוואס ברענגט רש"י דעם ווארט "ויקם" – ער איז דאך מפרש נאר די ווערטער "מלך חדש"?

ב) צוליב וואס דארף רש"י ברענגען צוויי פירושים, לכאו' איז דאך גענוג איין פירוש?

וויבאלד אבער אז רש"י ברענגט צוויי פירושים, איינעם פאר'ן צווייטן, דארף מען דאך זאגן אז די צוויי פירושים זיינען ניט שקולים, נאר דער ערשטער פירוש איז נעענטער צו פשש"מ, נאר אזוי ווי אויף אים איז דא א קושיא, דערפאר דארף רש"י זאגן נאך א פירוש.

- און -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>